גליון 286
קרח תשפ"ו



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## זַיי זִיךְ מַכְנִיעַ!

**אִין דִי מַעֲשֶׂה, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן גִבּוֹר אוּן אַ מִלְחָמָה-הֶעלְד, וָואס אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע שְׁטַארְקֶע לַייט הָאט עֶר אַיינְגֶענוּמֶען אֵיין לַאנְד נָאכְ'ן צְוֵוייטְן. זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע פָאדֶערוּנְג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין גֶעלְט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין מִלְחָמָה, נָאר בְּלוֹיז אֵיין זַאךְ: מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן צוּ אִים! וָוען דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן אַ מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעגֶעבְּן צוּ אִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעלָאזְט לֶעבְּן רוּאִיג אוּן בְּשָׁלוֹם. אָבֶער אוֹיב זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַנְטְזָאגְט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ אוּנְטֶערְבֵּייגְן, פְלֶעגְט עֶר זֵיי חָרוּב מַאכְן אוּן אִינְגַאנְצְן פַארְטִילִיגְן!**

**אַז עֶס אִיז דָא הַכְנָעָה אוּן מְ'אִיז זִיךְ מְבַטֵל, דֶעמָאלְטְס אִיז דָא לֶעבְּן; אָבֶער וֶוען ס'אִיז נִישְׁטָא קֵיין בִּיטוּל, אִיז דָא חוּרְבָּן אוּן פַארְנִיכְטוּנְג.**

**דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גֶעלְט מְדִינָה הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶערְוֶועגְן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער גִבּוֹר הָאט פַּיינְט גֶעלְט אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן. דָאס הָאט זֵיי זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן דֶערְקוּטְשֶׁעט. וַוייל וִויאַזוֹי קֶענֶען זֵיי זִיךְ דֶען אוּנְטֶערְגֶעבְּן צוּ אִים? סוֹף כָּל סוֹף, דָאס זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין צוּ אִים אִיז דָאךְ גֶעוֶוען מַמָּשׁ דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן זֵייעֶר גַאנְצֶע אֱמוּנָה...**

**דֶער שְׁטַארְקֶער גִבּוֹר פְלֶעגְט שִׁיקְן שְׁלוּחִים צוּ פְרֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיב זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ אוּנְטֶערְצוּגֶעבְּן אָדֶער נִישְׁט. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא פַאר אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת פַאר דִי עֲשִׁירִים, וָואס בַּיי זֵיי זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען דִי אָפְּגֶעטֶער...**

"הַיינְט נָאכְן לֶערְנֶען וַוארְט עֶנְק אָפּ אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג," הָאט ר' מָאטְל גֶעמָאלְדְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין כִּתָּה ז'. בַּיים סוֹף פוּנֶעם טָאג, נָאכְדֶעם וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, הָאבְּן צְוֵויי טֶענְדֶערְס גֶעוַוארְט אוּנְטְן בַּיים בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה. מְ'אִיז גֶעפָארְן מִיט דִי טֶענְדֶערְס צוּם שְׁפִּיטָאל, וואוּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאלְט לֵיינֶען 'קְרִיאַת שְׁמַע' נֶעבְּן דָאס בֶּעטֶעלֶע פוּן אַ נַיי-גֶעבוֹירְן קִינְד. יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה אוּן שְׁטַארְק אִיבֶּערְרַאשְׁט.

אָבֶער יַעְנְקִי, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַן 'אוֹיבֶּער-חָכָם', הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חֶבְרָה-מַאן, אַ הֶעלְד, אוּן עֶר קֶען אַלֵיין אַרַיינְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל, זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן צְוִוישְׁן דִי אָפְּטֵיילוּנְגֶען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּם קִימְפֶּעטָארְן אָפְּטֵיילוּנְג אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט. עֶר הָאט מִיט גַאֲוָה אוּן אָן קֵיין שׁוּם דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוֹיסְגֶערוּפְן פַאר יֶעדְן: "מִיר דַארְפְן נִישְׁט דֶעם מְלַמֵד'ס טֶענְדֶערְס אוּן טוֹבוֹת! אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן! מְ'דַארְף מִיר נִישְׁט דָא קוּמֶען מַאכְן קֵיין אִיבֶּערְרַאשׁוּנְגֶען... אָט גֵיי אִיךְ אַלֵיין צוּם שְׁפִּיטָאל, אִיךְ וֶועל אַלֵיין לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אַלֵיין בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ..."

דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעוָוארְפְן אַ שְׁטְרֶענְגְן בְּלִיק אוֹיף יַעְנְקִי, אִים אָנְגֶעזִידְלְט פַארְן רֶעדְן אוֹיף אַן אוֹפֶן וָואס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ 'בֶּן תּוֹרָה', אוּן אִים שְׁטְרֶענְג פַארְבָּאטְן צוּ גֵיין צוּם שְׁפִּיטָאל אַלֵיין. "דוּ מוּזְסְט מִיטְקוּמֶען מִיט אוּנְז, אָדֶער גֵיי גְרָאד אַהֵיים!" דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן צוּגֶעקוּקְט צוּ יַעְנְקִי אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם מְלַמֵד. יַעְנְקִי הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּרֶעכְן; זַיין גַאֲוָה הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים, צוּ וַוייזְן פַאר יֶעדְן זַיין נַארִישֶׁע 'חָכְמָה'.

צְוֵויי שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער הָאט יַעְנְקִי אַלֵיין אַרוּמְגֶעבְּלָאנְדְזְשֶׁעט צְוִוישְׁן דִי שְׁטָאקְן פוּנֶעם שְׁפִּיטָאל, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט דִי 'קִימְפֶּעטָארִין' אָפְּטֵיילוּנְג. עֶר אִיז אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אִין דִי עֶלֶעוֶועיטֶער מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען דִי טְרֶעפּ מִיט אַ קְלַאפֶּעדִיג הַארְץ, עֶר הָאט צוּגֶעזֶען דָאקְטוֹירִים מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קְלֵיידֶער, אוּן בֶּעטְן מִיט מְסוּכְנְ'דִיגֶע פַּאצְיֶענְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעפִירְט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן.

יַעְנְקִי הָאט גוּט גֶעצִיטֶערְט. עֶר אִיז גֶעוֶוען טוֹיט דֶערְשְׁרָאקְן! עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַהֵיימְלוֹיפְן, אָבֶער עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן דֶער טִיר. נָאךְ אַ שָׁעָה אִיז אַרִיבֶּער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְגִיסְן טְרֶערְן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ פוּן זַיין אֵייגֶענֶע נַארִישֶׁע עַקְשָׁנוּת. אִין זַיין הַארְץ הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען: "קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶועל אִיךְ שׁוֹין וִויסְן זִיךְ אוּנְטֶערְצוּבֵּייגְן פַארְן מְלַמֵד מִיט הַכְנָעָה, פּוּנְקְט וִוי מַיינֶע חֲבֵרִים!"

דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַ מוּסָר הַשְּׂכֵל, אַז וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט אִין דֶעם וֶועג פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָה אוּן פָאלְגְט נִישְׁט נָאךְ דֶעם דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה מִיט עֲנִיווּת אוּן הַכְנָעָה, שִׁיקְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַ גִבּוֹר וָואס בַּאהַאנְדְלְט אִים מִיט פִיל מֶער שְׁטְרֶענְגְקַייט.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (4)

**אוּן דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** (וָואס זֵיי זֶענֶען פְרִיר דָארְט גִיוֶועז בַּיי דֶער מְדִינָה כַּנַּ"ל) זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט צוּ זֵייעֶר אָרְט. אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְצֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה וִוי זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין אוּן פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן אַז זֵיי ווִילִין שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מְדִינָה אִין אֵין אַנְדֶערֶע מְדִינָה (וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט כַּנַּ"ל) אוּן זֵיי ווִילִין זִיךְ שׁוֹין מַאכִין שְׁטֶערִין אוּן מַזָלוֹת (כַּנַּ"ל).

**הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין** עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ מֶער פַאר פִירְט וֶוערִין וַוייטֶער. דֶער נָאךְ הָאט מֶען דָאס גִיהֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִימַאכְט גָאטִין (כַּנַּ"ל). הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. הָאט דָאס הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גִיהַאט (דְהַיְינוּ דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגִין עֶר הָאט מוֹרָא זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ אַרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערִין הָאט עֶר דָאס גִימֵיינְט).

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי גִיהַאט.** הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועז. עֶר וֶועט אַלֵיין אַהִין גֵיין. טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַהִין גִיגַאנְגֶען.** אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי שׁוֹמְרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אַרוּם אִיטְלִיכְן בַּארְג (כַּנַּ"ל) אוּן דִי שׁוֹמְרִים זֶענֶען מִן הַסְתָּם גִיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט. וָואס זֵיי הָאבִּין גִימֶעגְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט.

**וָוארִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט מַעֲלוֹת** מַחְמַת זֵייעֶר גֶעלְט. זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיקָאנְט זַיין אִין אֵיינֶעם מִיט דֶער וֶועלְט. אוּן הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט. סֶע זָאל זֵיי נִיט מְטַמָּא זַיין (כַּנַּ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיקֶענְט שְׁמוּסִין מִיט דֶער וֶועלְט. מֶען זָאל זֵיי נִיט מְטַמָּא זַיין מִיט דֶעם דוּךְ פוּן דֶעם מוֹיל (כְּלוֹמַר בַּיי דֶער נַארִישֶׁער מְדִינָה אִיז דִי וֶועלְט גָאר טָמֵא גִיוֶוען אַקֶעגִין זֵיי כַּנַּ"ל)

**אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען בְּוַודַאי דִי שׁוֹמְרִים** וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט. זֶענֶען זֵיי בְּוַודַאי גִיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט נָאר דִי שׁוֹמְרִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיהַאט דִי פַּאטְרֶעטִין (פוּן דִי גָאטִין זֵייעֶרֶע) אוּן זֵיי פְלֶעגִין דִי פַּאטְרֶעטִין צוּ הַאלְדְזְן אוּן צוּ קוּשִׁין אַלֶע מָאל. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גִיוֶוען דָאס גֶעלְט.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ אֵיין שׁוֹמֵר.** אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית. בַּאֲשֶׁר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט. תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ נַארִישְׁקֵייט. אוּן סֶע גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט וְכוּ'

**אוּן דֶער שׁוֹמֵר הָאט אִים אָבֶּער גָאר נִיט צוּ גִהֶערְט.** וָוארִין סֶע אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַזוֹי אַיינְגִיזֶעצְט גִיוֶוען פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס גֶעלְט. כַּנַּ"ל. אוּן אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּ אַלֶע שׁוֹמְרִים. אוּן הָאט מִיט זֵיי אַזוֹי אַלְץ גִישְׁמוּסְט. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גָאר נִיט צוּ גִיהֶערְט.

**הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. וָואס דִי שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּארְג (כַּנַּ"ל). וִוי עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ. **אוּן זֵיי הָאבִּין גִיפְרֶעגְט.** וִוי אַזוֹי בִּיסְטוּ אַהֶער אַרַיין גִיקוּמֶען. וָוארִין קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ צוּ זֵיי נִיט גִיקָאנְט צוּ

טְרֶעטִין כַּנַ"ל. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. וָואס פְרֶעגְט אִיר. אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין אָבֶּער פָארְט אַרַיין.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִיהוֹיבִּין** מִיט אֵיינֶעם צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט אַז גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט וְכוּ' (אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶועזְן) אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים גָאר נִיט צוּגִיהֶערְט. אוּן אַזוֹי דֶער אַנְדֶערֶער אוּן אַזוֹי אַלֶע. (כְּלוֹמַר קֵיינֶער הָאט אִים נִיט צוּגִיהֶערְט)

**וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע** אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוֶועזְן אִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט אַז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין קֵיינֶעם נִיט גִיהֶערְט.

**אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶועזְן** אֵיין וִוינְדֶער בַּיי דִי לַייט. אַז סֶע זָאל זִיךְ גִיפִינֶען אַ מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר זָאל צוּ זֵיי קוּמֶען. אוּן זָאל זֵיי אַזוֹינְס זָאגִין. גָאר אַקֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. אַז דָאס מוּז זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.

**וָוארִין זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיהֶערְט.** אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין אַזוֹי אַ בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָוארִין דִי זַאךְ פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין מְפוּרְסָם גִיוֶועזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט (כַּנַ"ל

**אוּן מֶען פְלֶעגְט** אִים רוּפִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער פְרוּמֶער בַּעַל תְּפִלָּה. נָאר זֵיי הָאבִּין אִים נִישְׁט גִיקָאנְט חַאפִּין. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. בַּיי דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים גִיהַאט וִוי אַ סוֹחֵר אוּן בַּיי דֶעם. וִוי אֵיין אָרוּם מַאן וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן תֵּיכֶף אִיז עֶר נִמְלַט גִיוָוארִין פוּן דָארְט (כְּלוֹמַר עֶר אִיז גִיךְ אַוֶועק פוּן זֵיי).

**וַיְהִי הַיּוֹם** אוּן סֶע אִיז גִיוֶועזְן אֵיין גִבּוֹר. וָואס מִיט אִים הָאבִּין זִיךְ צוּם הוֹיף גִינוּמֶען כַּמָּה גִבּוֹרִים. אוּן דֶער גִבּוֹר מִיט זַיינֶע גִבּוֹרִים. אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען מְדִינוֹת.

**אוּן דֶער גִבּוֹר** הָאט מֶער נִיט גִיוָואלְט נָאר הַכְנָעָה. (כְּלוֹמַר מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער טֶענִיג אוּנְטֶער אִים) אוּן אַז דִי מְדִינָה פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים.

**פְלֶעגְט עֶר זֵיי צוּ לָאזִין.** אוּן אַז נִיט. פְלֶעגְט עֶר זֵיי חָרוּב צוּ מַאכִין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַלְץ כּוֹבֵשׁ גִיוֶועזְן (דְהַיינוּ אָפְּגִינוּמֶען) מְדִינוֹת. אוּן קֵיין גֶעלְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִיוָואלְט.

**נָאר הַכְנָעָה** אַז מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים. אוּן דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם גִבּוֹר אִיז גִיוֶועזְן. עֶר פְלֶעגְט שִׁיקִין אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין זַיינֶע גִבּוֹרִים. אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט גִיוֶועזְן פוּן דֶער מְדִינָה פוּפְצִיג מַייל. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים. אוּן עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגִינוּמֶען מְדִינוֹת.

**אוּן דִי סוֹחְרִים** פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת הַנַּ"ל. וָואס זֵיי פְלֶעגִין צוּ הַאנְדְלֶען אִין פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת כַּנַ"ל. זֶענֶען דִי סוֹחְרִים אַהֵיים גִיקוּמֶען. אוּן הָאבִּין דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גִבּוֹר.

**אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין** אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. חָאטְשֶׁע זֵיי וָואלְטִין צוּ גִישְׁטַאנֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים.

**נָאר זֵיי הָאבִּין גִיהֶערְט.** אַז עֶר אִיז מְמַאֵס גֶעלְט. אוּן עֶר ווִיל גָאר קֵיין גֶעלְט נִיט. אוּן דָאס אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶועזְן. אַקֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אוּנְטֶער גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים. וָוארִין סֶע בַּיי זֵיי גִיוֶועזְן אַזוֹי וִוי שְׁמַד. וַוייל עֶר גְלֵייבְּט גָאר נִיט אִין זֵייעֶר אֱמוּנָה דְהַיינוּ אִין גֶעלְט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט** פַאר אִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ טָאן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת. אוּן מַקְרִיב צוּ זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (דְהַיינוּ צוּ דִי וָואס הָאבִּין פִיל גֶעלְט)

**אוּן הָאבִּין גִינוּמֶען אַ חַיֶּה'לֶע** (דְהַיינוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַבִּיסִיל גֶעלְט וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי אַ חַיָּה גִיוֶועזְן) **אוּן הָאבִּין אִים** מַקְרִיב גִיוֶועזְן פַאר אַ קָרְבָּן צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (הַנַּ"ל)

**אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיטָאן זֵייעֶרֶע אִיבְּרִיקֶע עֲבוֹדוֹת** (דְהַיינוּ דִי זַאכִין וָואס זֵיי פְלֶעגִין דֶערְמִיט צוּ דִינֶען זֵייעֶרֶע גָאטִין).

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פאר'הערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (4)

**א. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט ווען מ'האט אים דערציילט אז זיי האבן גאטן?**

- ❑ דערפאר האב איך מורא געהאט
- ❑ ער האט גרויס רחמנות געהאט אויף זיי
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האבן די שומרים געענטפערט פאר דעם בעל תפלה ווען ער האט אנגעהויבן רעדן פון תכלית?**

- ❑ אונז האבן א אנדערע תכלית
- ❑ מיר האבן א אנדערע וועג
- ❑ זיי האבן גאר נישט צוגעהערט

**ג. וויאזוי פלעגט די וועלט רופן דעם בעל תפלה?**

- ❑ דער מלאך אלוקים
- ❑ דער פרומער בעל תפלה
- ❑ דער צדיק הדור

**ד. וואס האט דער גבור געוואלט?**

- ❑ כבוד,אז מ'זאל אים מכבד זיין
- ❑ געלד, אז מ'זאל אים געבן זייער געלד
- ❑ הכנעה, אז מ'זאל זיך אונטערטעניגן אונטער אים

**ה. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות זיך נישט געקענט מכניע זיין צום גבור?**

- ❑ ווייל ער איז ממאס געלד און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ❑ ווייל ער איז ממאס תאוות און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ❑ ווייל ער איז ממאס כבוד און דאס איז קעגן זייער אמונה

**ו.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וויפל מאל ווערט דערמאנט ביי די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך דערווארט "בעל תפילה" ?

און וויפל מאל ווערט דערמאנט "בעל תפילה" באהאלטן (דאס מיינט אז עס שטייט וואס דער בעל תפילה האט געטון און דער ווארט בעל תפילה – נאר מיר פארשטייען אז דאס מיינט דער בעל תפילה) ?

**תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (3)**

וויפל מאל ווערט דערמאנט ביי די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך דער ווארט "געלט" ? **27 מאל**

### דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com